# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

# א טיקעט צום עולם הבא

## פרשת במדבר

## חלק א׳ - דער גאט פון ארמייען

### סאלדאטן אין דער ארמיי

אין פרשת במדבר, וואו די עם ישראל גרייטן זיך ארייננצוגיין אין מדבר - זייער רייזע צום עתיד פון ווערן דאס אויסדערוועלט פאלק פון השי״ת - טרעפן מיר זיך מיט אן אינטערעסאנטע פסוק אויף אונזער פאלק, **כָּל יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל תִּפְקְדוּ אֹתָם לְצִבְאֹתָם** - אלע וואס גייען צו ארמיי-דינסט דארף מען ציילן (א, ג).

דאס ווארט **צָבָא** קומט אונטערצושטרייכן "ארמיי דינסט", און דאס מיינט אז ווי נאר כלל ישראל האט פארלאזט מצרים זענען זיי געשיקט געווארן צום דינסט פון השי״ת. זיי זענען געווארן אן ארמיי פון השי״ת. **בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם, הָיְתָה יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ** - ווען אידן זענען ארויס פון מצרים, האבן זיי באלאנגט צו זייער הייליגן באשעפער. ווי אזוי האבן זיי באלאנגט צו אים? **יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו** - זיי זענען געווארן זיינע רעגימענטן, זיינע סאלדאטן. נישט בלויז האט ער אונז ארויסגענומען; ער האט אונז ארויסגענומען צו זיין זיין ארמיי.

דאס איז וואס השי״ת האט געזאגט, און קאנצענטריר זיך אין זיינע ווערטער: "**וְהוֹצֵאתִי אֶת צִבְאֹתַי אֶת עַמִּי**" - איך וועל ארויסברענגען מיין ארמיי, מיין פאלק (שמות ז, ד). דאס מיינט אז מיר זענען נישט פריוואטע מענטשן. א איד קען נישט שפירן ווי ער איז א מענטש אן קיין עול, פריי צו טון וואס ער באגערט. ער איז איינגעשריבן אין אן ארמיי. ער איז א סאלדאט.

### סאלדאטן

די ערשטע שאלה וואס א מענטש פרעגט ווען ער ווערט רעקורטירט אין דער ארמיי איז, וואס איז מיין אויפגאבע דא? וואס ערווארט מען פון מיר צו טון דא?

לאמיר זאגן אז דו ביסט א ציווילער בירגער און דו ווערסט גענומען אין דער אמעריקאנער ארמיי. האסטו שוין אמאל צוגעזען ווי מען נעמט סאלדאטן אין דער ארמיי? איך האב שוין יא. אין יאר ת"ש, אינמיטן דער סאמע ברען פון דער צווייטער וועלט מלחמה, בין איך פונקט געווען אין באסטאן. האב איך צוגעזען ווי מען נעמט צוזאם ציווילע בירגער אין צענטער פון שטאט. איך בין פארבייגעגאנגען דאס ארט און געהערט ווי דער סארזשענט שרייט אויף זיי, "מארשירן! עטס גייטס צום מיליטער יעצט! עטס ווערטס גענומען צו ארמיי!"

עס איז געווע א רחמנות צו קוקן ווי זיי גייען, הויכע מענטשן, קליינטשיקע מענטשן, ברייטע, דארע, יעדער אנגעטון זייער קליידער וואס זיי האבן געטראגן אויף זיך. זיי זענען געגאנגען אין א צעפארענעם סדר, דער דא און דער דארט. דאס איז אן ארמיי?! יעצט איז עס נאך גארנישט! א סאלדאט דארף פארגעסן פון זיין אייגענע אינטערעסן און זיך טרענירן ווי אזוי צו קאאפערירן מיט דער איין ציל וואס אן ארמיי דארף ערפילן. **וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם** - יעדער דארף גיין אין א געוויסן פלאץ, אין א געוויסער פארמירונג לויט זיין מיליטערישן רעגימענט (במדבר א, נב).

### זיך לערנען פון די נביאים

דאס מיינט אז די וויכטיגסטע זאך וואס א סאלדאט דארף ערפילן איז צו וויסן וואס זיין פליכט איז אין דער ארמיי. וואס טוען מיר דא? וואס איז אונזער ציל? השי"ת'ס ארמיי האט א פונקציע דא אויף דער וועלט, א געוויסע מיסיע וואס ברענגט אונז צוזאמען. **עַל דִּגְלוֹ** מיינט אז אפגעזען אויב דו ביסט א דאקטער אדער א פעדלער וואס פירט א וואגן, איינמאל דו ביסט איינגעשריבן אין אן ארמיי, ווערן אלע סאלדאטן פאראייניגט מיט איין פראפעסיע. דעריבער איז דא א שאלה וואס דארף ווערן פארגעשטעלט: וואס איז דער פאן מיט וואס כלל ישראל נעמט זיך צוזאם.

ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז מיר באגעגענען זיך מיט'ן זעלבן ווארט **צָבָא** צוזאמען מיט'ן נאמען פונעם אויבערשטן. די מלאכים רופן אים **ה׳ צְבָאוֹת** - דער אייבערשטער פון די ארמייען - געוועגליך זאגן מיר **צבקות**, אבער איך זאג דאס ווארט **צְבָאוֹת** אז מען זאל נישט ווערן צעמישט - די מלאכים רעדן איבער דעם באשעפער פון די ארמייען! דעריבער, אויב מיר ווילן זיך מתבונן זיין אין דעם שם קדוש, וועט דאס אונז געבן א בליק וואס דאס מיינט ווען כלל ישראל ווערט אנגערופן די ארמיי פון השי״ת.

מיר האבן אין תנ"ך צוויי נבואות פון נביאים, איינע פון ישעיהו הנביא און איינע פון יחזקאל הנביא, און כאטש עס איז געווען איבער הונדערט יאר צווישן די צוויי נביאים, האבן זיי ביידע געזען די זעלבע נבואה פון מלאכים וועלכע שטייען נעבן דעם טראן פון השי"ת און זאגן קדושה. די מלאכים ווערן פארגעשטעלט ווי זיי לויבן דעם באשעפער און זיי רופן אים מיט דעם נאמען, **קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ ה׳ צְבָאוֹת**. זיי זאגן - הייליג, הייליג, הייליג איז דער באשעפער פון אלע ארמייען.

### שלימות'דיגער כבוד

אלזא, דארפסטו וויסן אז **קָדוֹשׁ** מיינט נישט דאס וואס מענטשן מיינען. פארגעס פונעם ווארט "הייליג" ווייל עס זאגט דיר גארנישט. **קָדוֹשׁ** מיינט **שלימות**. סיי וועלכע מדריגה פון שלימות דו קענסט זיך נאר פארשטעלן, שלימות אין חכמה, שלימות אין רחמנות, שלימות אין כח. דאס אלעס איז איינשטימונג מיט'ן ווארט **קָדוֹשׁ**, און נאך פיל מער, ווייל מיר טראכטן לויט אונזער באגרעניצטן פארשטאנד, אבער דער אויבערשטער איז שלימות לעולמי עולמים, פיל מער וויפיל מיר קענען זיך פארשטעלן. דאס איז וואס **קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ** מיינט.

דער ספר הכוזרי (ג, ד) איז מסביר אז ווען עס ווערט דערמאנט דריי מאל איז עס נישט דריי באזונדערע מאלן, נאר ס'איז אן אויסדריק וואס מיינט אויף אייביגע אייביגקייטן. אבער די מלאכים זענען נאכנישט צופרידן דערמיט. פאר זיי איז נישט גענוג מיט'ן זאגן אז השי"ת איז שלימות לעולמי עולמים, ווייל כדי צו פארשטיין דעם פשט ווען מען זאגט אז דער אויבערשטער איז שלימות, דארף מען כביכול זען מיט די אייגענע אויגן ביישפילן פון זיין שלימות, ווייל אויב נישט, איז עס נאר ליידיגע ווערטער. דו שטימסט פארמאל צו, "דערביי באשטעטיג איך צו ערפילן מיין פליכט פון אויסרופן דעם אויבערשטנ'ס שלימות," און מער ווילסטו נישט ווערן געשטערט... ס'איז א גרינגער וועג פון זיך ארויסדרייען פון פליכטן.

דעריבער, נאכדעם וואס די מלאכים זאגן, "דו ביסט שלימות לעולמי עולמים!" לייגן זיי צו אפאר ווערטער, **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** - די גאנצע וועלט איז פיל מיט דיין כבוד. פון וואו וויסן מיר אז ער איז **קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ**? ווייל מיר זעען זיין כבוד איבעראל! וואו אימער מיר קערן זיך, זעען מיר זיין כבוד. דעריבער קענען מיר נאכאנאנד אויסרופן זיין שלימות.

## א מכובד'יגע ארמיי

מיר דארפן דאס אריינברענגען אויף למעשה. אנשטאט צו זאגן לופטיגע ווערטער, "דער כבוד פונעם אויבערשטן", לאמיר אראפקומען אין מציאות. וואס זאגן די מלאכים ווען זיי זעען ווי די גאנצע וועלט איז פיל מיט זיין כבוד? מענטשן מיינען אז דאס איז פשט אז השי"ת פילט אן די וועלט מיט עפעס הימלישע זאכן וואס מיר קענען נישט זען, עפעס א באהאלטענע געטליכקייט איז צעשפרייט. דאס איז אמת אבער דער פשט איז פיל מער פון דעם.

דער כבוד פון וועלכן די מלאכים רעדן דא ווערט אונז קלאר אין דעם נאמען וואס זיי רופן השי"ת אין דער נבואה, "דער אייביגער מושלם, ה' צבקות וואס זיין כבוד פילט אן די וועלט." **צְבָאוֹת** מיינט ארמייען. פארוואס ווערט השי"ת אנגערופן דער גאט פון ארמייען? ווייל ער פילט אן דער וועלט מיט זיינע ארמייען, טויזענטער ארמייען, מיליאנען ארמייען, וואס זייער ארבעט איז אויסצורופן זיין גרויסקייט.

וועסטו מיר פרעגן, וואספארא ארמייען האט ער? וועסטו יעצט הערן א נייעם פירוש אויף ה' **צְבָאוֹת**. איך מיין אז רוב פון ענק האבן נאך קיינמאל נישט געהערט דערפון. השי"ת'ס ארמיי איז אלעס וואס ער האט באשאפן אויף דער וועלט!

מורישקעס זענען איין ארמיי. עס זענען פארהאן ביליאנען, ביליאנען מורישקעס וואס זייער תפקיד איז צו שפייזן די וועלט. ווען נישט די מורישקעס, וואלטן מיר אויסגעגאנגען פאר הונגער. די מורישקעס גראבן אויף די ערד צום פלאנצן. זיי שאפן גריבער און לעכער אויסצולופטערן די ערד. זשוקעס זענען אן ארמיי פון השי"ת, מייז, מאסקיטן, קיען און פייגלעך, אלעס אויף דער וועלט. די ווינטן זענען אן ארמיי. **עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת** - ער מאכט די ווינטן פאר זיינע שלוחים (תהילים קד, ד).

## קליינע ארמייען

באצילן, דאס איז נאך אן ארמיי. ער האט אן ארמיי פון באצילן, אלע סארטן באצילן. עס זענען פארהאן ביליאנען אויף ביליאנען פון בלויז איין באציל. איך זאג ביליאנען איז עס אונטערגעשאצט, טריליאנען פון יעדן באציל.

באצילן זענען פאראנטווארטליך פארן מאכן קעז. ווען נישט די באצילן וואלסטו קיינמאל קיין שטיקל קעז נישט געהאט. באצילן מאכן ברויט. זיי פאראורזאכן די גאזן זאלן מאכן יערן די ברויט. באצילן מאכן די ערד פראדוצירן. עס זענען פארהאן ביליאנען פון א געוויסן באציל וואס פאררעכט ניטראגען. ווען נישט, וואלסטו קיינמאל קיין באנדלעך נישט געהאט. נאך א סארט ארמיי פון באצילן זענען פאראנטווארטליך אז דיין עסן זאלן ווערן פארדייט אין דיר. דיין מאגן איז אויסגעבעט מיט א באציל וואס ארבעט פאר דיר. דו האסט פאר דיר א גרויסע באפעלקערונג פון באצילן וואס העלפן דיר אויספירן דיינע פליכטן צום לעבן.

יעצט וועסטו פרעגן, "וואו שטייט באצילן אין גמרא?" דער אמת איז אז די גמרא רעדט שוין פון דעם. אין גמרא (ברכות ו, א) שטייט אז אויב דו קענסט עפענען דיינע אויגן, קענסטו זען ווי דו ביסט ארומגענומען מיט שדים אויף אלע זייטן, מיליאנען שדים אויף שדים. עפן דיינע אויגן און דו ביסט ארומגענומען מיט מיליאנען און מיליאנען פון באשעפענישן וואס זענען אקטיוו אויף דער וועלט.

## די פליכטן פון די ארמייען

און די אלע ארמייען ארבעטן פאר'ן אויבערשטן. די באצילן, די מורישקעס, די זשוקעס, בינען, מיניראלן און גאזן, פלאנצונגען און טויזענטער פון אנדערע ארמייען זענען זיינע סאלדאטן צו ערפילן א וויכטיגן תפקיד פאר'ן עקזיסטענץ פון דער בריאה.

און דאך, ווי שטארק נויטיג זיי זענען, איז זייער וויכטיגסטער תפקיד נישט דאס וואס איך האב דיר פריער געזאגט, אז זיי העלפן אונז לעבן, אז זיי ברענגען צו אונזער עסן און האלטן אויף די עקזיסטענץ פון די מענטשהייט. זייער זכות קיום, זייער וויכטיגסטער תפקיד איז אויסצורופן די גרויסקייט פון השי"ת! פון אלע גוטע זאכן וואס דעם אויבערשטנ'ס ארמייען טוען, איז זייער גרעסטער תפקיד צו לויבן השי"ת.

פארשטייט זיך אז דאס מיינט נישט אז די באצילן אינעם טעפעך ווייסן פון השי"ת. באצילן פארשטייען גארנישט. די בינען און מורישקעס פארשטייען אויך נישט קיין זאך. זיי זינגען נישט קיין לויב. אבער דער פאקט אז זיי זענען פארהאן אויף דער וועלט איז א געוואלדיגע לויב פאר השי"ת, ווייל זיי זענען דער כבוד פון השי"ת וואס פילט אן די וועלט. זיי זענען די ארמייען פון השי"ת וועלכע ברענגען די מלאכים צו זינגען שירה צו אים.

## מלאכים אין פארכט

אלזא, די מלאכים זינגען נישט די אנגעצייכנטע שורות פון בלאט ארויס... זיי זענען זיך מתבונן אין די ארמייען פון השי"ת. דאס איז זייער תפקיד אלס דער **צְבָא מָרוֹם**, אלס סאלדאטן פון אויבן. און זיי האבן זייער גוטע קעפ, די מלאכים, זיי זענען עילוים. אין איין מינוט קענען זיי טראכטן מער ווי דו קענסט, אפילו אויב דו וואלסט געלעבט טויזנט יאר. און וואס טוען זיי מיט זייערע שארפע מוחות? זיי לייגן צו זייער ריזיגן שכל צו די געוואלדיגן תפקיד פון אנערקענען השי"ת'ס גרויסקייט. זיי אבזעווירן די גאנצע פאנאראמע פון דער וועלט, פון אלע ביליאנען ארמייען מיט זייער וואונדער, זיי דריקן אויס זייער אנערקענונג פון השי"ת'ס שלימות דורך אויסרופן פארן כסא הכבוד, "**קָדוֹשׁ**!"

און זיי זאגן עס נישט אזוי טריקן ווי איך זאג עס יעצט. זיי זאגן עס מיט א **רַעַשׁ גָּדוֹל**, מיט'ן גרעסטן התלהבות וואס די וועלט וואלט אמאל געקענט ביווואוינען, ווייל אין דעם איין ווארט '**קָדוֹשׁ**' האבן זיי צוזאמגענומען די טיפסטע חכמה פון פארשטיין השי"ת.

אבער דערנאך קוקן זיי צוריק אויף וואס זיי האבן נארוואס געזאגט און זיי באמערקן אז זיי האבן נאכנישט אנגעהויבן צו זאגן עפעס. "אזוי רעדן מיר אויף הקדוש ברוך הוא?!" זאגן זיי צווישן זיך.

## לויב אן א סוף

דעריבער נעמען זיי זיך צוזאם פאר א נייע פרואוו. זיי הייבן אן פון וואו זיי האבן זיך אפגעשטעלט און זיי גייען אריין טיפער אינעם ענין פון השי"ת'ס ארמייען. מיט א גרויסער יגיעה ניצן זיי אלע זייערע אוצרות פון גרעניצלאזע חכמה - ס'איז נישט גרעניצלאז נאר כמעט גרעניצלאז - און ענדליך, מיט א נייעם פארשטאנד, א ברייטע נייע געפינס פון גרויסקייט פון השי"ת, וועלן זיי קעגן קומען מיט נאך אן אויסרוף ברעש גדול, נאך העכער ווי פריער, "**קָדוֹשׁ**!!!" א ווארט וואס נעמט אריין אלעס וואס זיי האבן פריער געזאגט מיט זייער נייעם פארשטאנד.

ווילאנג גייט דאס ווייטער? **קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ**. אויף אייביגע אייביגקייטן וועלן זיי זיך מתבונן זיין אין זיין בריאה און צולייגן נאך לויבונגען פאר אים. און זיי קענען דאס נאר זאגן ווייל זיי האבן אנערקענט אז ער איז ה' צבאות, דער וואס האט באשאפן די אלע ארמייען. ס'איז די בריאה, דער כבוד פון השי"ת, מיט וואס די מלאכים זענען אזוי נתפעל. און זיי קומען צו דערצו נאר דורך אריינקלערן אין זיינע ארמייען, אז דער **צְבָא מָרוֹם** ערפילט זיין גרעניצלאזן תפקיד פון לויבן די גרויסקייט פון ה' **צְבָאוֹת**.

# חלק ב' - דער ארמיי פון אויבן

## דער ציל פון די מלאכים

יעצט פרעגט זיך א שאלה, וואס איז געווען דער ציל פון השי"ת ווען ער

האט מגלה געווען די נבואה פאר די נביאים איבער די מלאכים וואס זאגן **קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ**? וואס דארפן מיר וויסן די ווירטשאפט פון די מלאכים? וואס איז אונזערע געשעפטן וואס די מלאכים טוען דארט אויבן אין הימל?

דער ענטפער איז אז די באשאפונג פון די מלאכים וואס באשעפטיגן זיך מיט לויבונגען צו השי"ת איז נאר פאר אונז! דאס איז דער סוד וואס פיל פון ענק, אפילו פון די אויסגערופענע, האבן נאכנישט אנגעהויבן צו באגרייפן. די מלאכים וואס פארטיפן זיך אין השי"ת'ס כבוד, פילן אן די וועלט און לויבן אים, זענען געצילט צו זיין א ביישפיל פאר אונז, פאר אונזער תפקיד אויף דער וועלט.

פארשטייט זיך אז דאס איז נישט צוליב דעם וואס השי"ת איז אנגעוויזן אויף דער אנערקענונג פון דער מענטשהייט. ס'איז א טיפשות אזוי צו טראכטן! ווי שוין דערמאנט פיל מאל דא. די גאנצע מענטשהייט איז קעגן השי"ת ווי די אלע מיליאנען באצילן דא אויף דעם טעפעך זאלן זיך צוזאמקומען און אפלאדירן דא איינער צווישן אונז. דער מענטש וועט בכלל נישט ווערן אפעקטירט. עס וואלט נישט אויסגעמאכט קיין שום זאך ביי אים. דאס איז וויפיל השי"ת דארף די אנערקענונג פון דער מענטשהייט!

## זיך צוגרייטן אויף דער וועלט

ער איז נישט אנגעוויזן אויף אונזער לויב. נאר מיר זענען די וואס דארפן די לויב צו אים! נישט נאר וואס מיר דארפן דאס, נאר דאס איז אונזער ציל אין לעבן.

איך וועל עס בעזר השי"ת מסביר זיין. ס'דא א וויכטיגע נקודה וואס נעמט צוזאם אין קורצן די אלע אינפארמאציע וואס מיר ווייסן איבער דער וועלט. דאס מיינט נישט אז אויף דעם סמך קענסטו גיין און פסק'ענען שאלות, אבער ס'איז א געוואלדיגער לימוד. ס'איז כדאי איינצו'חזר'ן דעם שטיקל און דאס שטענדיג איבער'חזר'ן, "**העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין**" - די וועלט איז א פארצומער פאר דער קומענדיגער וועלט, דעריבער הייב אן צו ארבעטן זיך צוצוגרייטן ווילאנג דו ביסט נאך אינעם פארצימער כדי צו קענען אריינגיין אינעם הויפטזאל. דאס איז דאס דרייערל אויף וועלכן די וועלט דרייט זיך. מיר זענען דא פאר א צוועק, זיך צוצוגרייטן פאר דער קומענדיגער וועלט.

און ווי אזוי גרייטן מיר זיך צו? דער ענטפער איז אז מיר גרייטן זיך צו דורך זינגען די לויב געזאנג פון השי"ת. **אמר רבי יהושע בן לוי, כל העוסק בשירה בעולם הזה** - אויב א מענטש איז פארנומען צו זינגען א געזאנג אויף דער וועלט. **עוסק** מיינט ער איז פארנומען, און **בשירה** מיינט זינגען זיין לויב. איז אויב דו ביסט פארנומען צו זינגען אויף דער וועלט, וואס וועט זיין? **זוכה ואמרו לעולם הבא** - דו וועסט ווערן באלוינט אז דו וועסט פארזעצן צו זינגען לויבונגען אין דער קומענדיגער וועלט. און ער צייכנט צו א פסוק, **שנאמר, אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ** - וואויל איז פאר די וואס זיצן אין דיין הויז, **עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה** - זיי וועלן פארזעצן דיך צו לויבן אויף אייביג.

דו ווילסט לעבן אן אייביג לעבן אין דער קומענדיגער וועלט? דאן ווער פארנומען צו זינגען! דאס קומענדיגע מאל וואס דו זאגסט 'אשרי', טראכט וואס דו זאגסט, ווייל דאס וועט זיין דיין סדר אין דער קומענדיגער וועלט. דורך זינגען זיין לויב דא, חזר'ן מיר פאר דעם גרויסן ניגון וואס מיר וועלן זינגען אין דער קומענדיגער וועלט.

## הימלישע זינגען לעקציעס

און פון וועמען נעמען מיר די זינגען לעקציעס? פון די מלאכים! די נבואה פון דער ארמיי פון מלאכים וואס זאגן **לעולמי עד** "**קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ**", איז אונז געגעבן געווארן אז מיר זאלן זיך לערנען ווי אזוי נאכצוטון די זעלבע זאך.

דאס איז די סיבה פארוואס ווען מען שטייט ביי קדושה איז די הלכה אז מען זאל שטיין מיט די פיס צוזאמען (שו"ע או"ח צה, ד; קכה, ב). פארוואס טוען מיר אזוי? ווייל מיר מוזן זיין ווי מלאכים און ביי זיי שטייט, **וְרַגְלֵיהֶם רֶגֶל יְשָׁרָה** - זיי האבן ביידע פיס צוזאמען. ווען מלאכים רייזן, טוען זיי עס נישט דורך ריקן די פיס. זיי צעטיילן קיינמאל נישט זייערע פיס. זיי רייזן מיט זייערע פיס באהאפטן איינס צום אנדערן. זיי קענען זיך דרייען אויף אלע וועגן, אבער אייביג מיט די פיס צוזאמען.

דעריבער לייגן מיר אונזער פיס צוזאמען, צו ווייזן אז מיר זענען ווי מלאכים. מיר דערמאנען זיך אז זאגן "**קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ**", איז אויך אונזער תפקיד. **נְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בָּעוֹלָם כְּשֵׁם שֶׁמַּקְדִּישִׁים אוֹתוֹ בִּשְׁמֵי מָרוֹם** - מיר וועלן הייליגן דיין נאמען אין דער וועלט, פונקט ווי מלאכים טוען אויבן אין הימל.

## שטייגן העכער

פארשטייט זיך אז אונזער קדושה איז נאר א געדאנק קעגן זייער'ס. נישט קיין חילוק וועלכע קדושה מיר וועלן זאגן, אפילו אויב מיר וועלן זאגן א קדושה מיט גאר א שטארקער כוונה און מיר וועלן אנדעקן גרענעצלאזע השפעות אין זיך, פון וואו עס וועט איבערפליסן א קוואל פון התלהבות פאר דער גרויסקייט פון השי"ת, קענען מיר נישט האפן נאנט צו קומען צו וואס די מלאכים טוען מיט זייער שלימות'דיגן פארשטאנד. די מלאכים קענען אין איין סעקונדע פארשטיין מער ווי די מענטשהייט צוזאמען וועט אמאל פארשטיין!

אבער זיי זענען נאכאלץ אונזער ביישפיל, ווייל דער אמת איז אז אפילו דאס וואס זיי דערגרייכן, איז נאר א טיפה מן הים פון די גרעניצלאזע ימים פון גרויסקייט פון השי"ת, און פארט הערן זיי קיינמאל נישט אויף. זיי זאגן ווייטער "**קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ**" לעולם ועד. **כְּשֵׁם** מיינט אז מיר וועלן פרובירן נאכצוטון דאס זעלבע.

דערפאר וועלן מיר שטיין אויף אונזער שפיץ פיס ווען מיר זאגן "**קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ**". פארשטייט זיך אז מלאכים הייבן זיך שנעלער און העכער. **בְּרַעַשׁ גָּדוֹל מִתְנַשְּׂאִים לְעֻמַּת שְׂרָפִים** - מיט גאר א גרויסן עקסטאז הייבן זיי זיך אויף. אין זייער איבערראשונג ווערן זיי דערהויבן אין די לופטן און פליען א מיליאן מייל, הויך הויך ארויף צו זאגן קדושה.

מיר קענען דאס נישט טון, דעריבער וועלן מיר מאכן א קליינע תנועה. מיר הייבן זיך אויפ'ן שפיץ פיס. אבער באמערק וואס מיר טוען דא, מיר פרובירן צו מאכן א קליינע תנועה, נאכצומאכן די מלאכים וואס זייער תפקיד איז צו געבן פאר אונז א ביישפיל פון עבודה פאר'ן ציל פון נצח נצחים.

## דער קעניג פון אלע ארמייען

דו ווילסט וויסן ווער פון אמאל האט דאס פארשטאנען? שלמה המלך. דער חכם מכל אדם האט פארשטאנען אז דאס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט. אין תנ"ך שטייט אז ער פלעגט איבערגעבן דרשות, שיעורים, און מענטשן פלעגן אים קומען אויסהערן פון אלע עקן, אפילו פון פרעמדע לענדער. און ס'שטייט דארט פון וואס ער האט אלץ גערעדט, **מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר**. דאס מיינט ער האט גערעדט פון א גרויסן צעדער בוים וואס וואקסט אין לבנון און פונעם קליינעם אֵזוֹב, פיצעלע גראזן וואס וואקסן ארויס פון צווישן די שטיינער אין וואנט. ער האט גערעדט פון אלע פלאנצונגען, אנגעהויבן פון די גרעסטע ביז די קלענסטע שפראצונגען און אלעס אינצווישן.

שלמה המלך איז געווען א באטאניקער? ער האט שוין נישט געהאט וואס צו טון נאר צו לערנען מיט די מענטשן איבער דער וויסנשאפט פון פלאנצונגען? ניין! ער האט זיי נישט געלערנט פון פלאנצונגען. ער האט זיי געלערנט פון השי"ת, ווי אזוי **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ**. ער האט זיי געוויזן ווי אזוי יעדע פלאנצונג דערציילט איבער דעם וואונדער פון באשעפער. ווי אזוי

יעדע בלום, יעדעס געוויקס און יעדער בוים איז נאך אן ארמיי פון השי"ת'ס אנטפלעקונג פון זיין כבוד אויף דער וועלט.

## דאס קערל פון א פיטש

האסטו שוין אמאל געגעסן א פיטש (peach)? ווען דו ענדיגסט מיט דעם איז דא א קערל. ווארף עס נישט אוועק. וואש עס אפ, לייג עס אויסטריקענען און באהאלט עס אין דיין טאש מיטצונעמען מיט דיר וואו דו גייסט, און נוץ עס טאקע. באטראכט עס. דאס איז וואס די מלאכים טוען. זיי זענען זיך מתבונן אין די קערל פון דער פיטש!

וואס איז די הארטקייט פון דעם קערל? ס'איז נישט פארהאן אויף דעם בוים נאך אזא הארטע זאך ווי דאס קערל. ס'איז דאך נישט קיין האלץ. ס'איז א נאטירליכע פלאסטיק. פארוואס האט דער בוים נאר אין דעם איינעם פאל פראדוצירט אזא הארטע מאטעריאל? ס'איז אזוי הארט אז אפילו דער מויקאש מיט זיינע שטייפע ציינער קענען דאס נישט אויפברעכן.

דער ענטפער איז אז די ביימער ווייסן אז עס וועט קומען א טאג וואס זיי וועלן ווערן אלט און פארוועלקט און זיי וועלן אפשטארבן. עס מוז זיין צוקונפטיגע ביימער, פן וואו וועלן ארויסקומען נייע ביימער?

דעריבער האט השי"ת געמאכט קערעלעך, אן ארמיי פון פיטש קערעלעך, און ער דארף זיי באשיצן מער ווי סיי וואס אויפ'ן בוים, ווייל דאס איז דער צוקונפט פון אלע פיטשעס אויף דער וועלט. די קערעלעך זענען אן ארמיי וואס גרייטן צו די פיטשעס פאר די קומענדיגע דורות.

## דער גרעסטער כעמיסט

אויב דו קוקסט דעריף (דער רב האט ארויסגענומען א קערל פון זיין טאש) וועסטו באמערקן אז דאס איז צאמגעשטעלט פון צוויי האלבע זייטן צאמגעקלעבט צוזאמען. און וויפיל דו וועסט פרובירן וועסטו אין רוב פעלער דאס נישט קענען עפענען. אפילו אויב דו וועסט נעמען א זעג און פרובירן דאס אפצוזעגן וועסטו נישט מצליח זיין. ס'איז צו הארט. ס'איז א וואונדערליכע קלעפעכץ.

און אויב דו וועסט עס באטראכטן אביסל לענגער וועסטו באמערקן דער ראם ארום די עקן פון די צוויי האלבע רינדן ציען זיך אריין ביז'ן לאך. פארוואס איז דאס אזוי? כדי דאס צו געבן מער פלאץ צוזאמצוהאלטן צוזאמען אז די קלעפעכץ זאל זיך בעסער האלטן. ס'איז שטוינענד דאס צו באטראכטן. ס'איז ווערד צו כאפן א בליק פון דער נאנט און זען ווי דער ראם שטארצט ארויס כדי ס'זאל זיין מער פלאץ צו באהעפטן די צוויי זייטן. די קלעפעכץ האט א גרעסערע פלאץ צו ארבעטן און דערגרייכן א שטערקערע פארבינדונג צוליב דעם. ס'איז אוממעגליך דאס צו עפענען.

און פארט, ווען דו לייגסט עס אריין אין דער ערד וועט זיך עס עפענען פון זיך אליין! די צוויי האלבע זייטן וועלן זיך אפטיילן, און די קערל ווערט אפן אינעם זאמד אנצוהייבן צו וואקסן. ווי אזוי געשעט אזא נס?

דער ענטפער איז אז הקדוש ברוך הוא, דער גרעסטער כעמיסט, ווייסט וואספארא קלעפעכץ צו ניצן. ס'איז א קלעפעכץ וואס ווען דו לייגטס עס אריין אין דער ערד וועלן די באצילן פון דער ערד - געדענקסט די ארמיי פון באצילן - ווערן פארנומען מיט דעם קלעפעכץ און זיי צונעמען עס ביז עס עפנט זיך פון זיך אליין. ווען נישט וואלט זיך עס נישט געעפנט און מיר וואלטן נישט געהאט פיטש.

אלזא, וואס קומט אונז די קליינע קערל פון דער פיטש זאגן? וואס איז דער ציל פון השי"ת'ס ארמיי פון פיטשעס דא אויף דער וועלט? זיי קומען אונז זאגן, 'קוק אויף אונז און אנערקען די גרויסקייט פון מיין באשעפער!' מער פון מאכן פיטשעס איז זייער תפקיד צו **יוֹדוּךָ ה' כָּל מַעֲשֶׂיךָ** - דיינע ווערק טוען דיך לויבן, **כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ** - זיי פארציילן דעם כבוד פון דיין קעניגרייך.

## מיר דארפן רעדן

"פארוואס האב איך געמאכט א קערל פון א פערישקע?" זאגט אונז השי"ת, "נאר צו קענען אריינווארפן אין מיסט קאסטן?! איך האב עס געמאכט פאר דעם איינעם ציל אז דו זאלסט עס באטראכטן." **לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו** - צו לאזן וויסן פאר דער מענטשהייט די אלמעכטיגקייט פון באשעפער. אז אידישע קינדער זאלן פארברענגען זייער טעג מיר צו לויבן.

דער אמת איז אז **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים** - דאס איז דער תפקיד פון אלע באשעפענישן. **כָּל הַיְצוּרִים** מיינט אז יעדער איז מחויב דאס צו טון, אפילו די גוים. קומט אויס אז אן אלטער זיידע פון נארוועגיע דארף צוזאמרופן אלע זיינע נארוועגישע קינדער און אייניקלעך און זאגן צו זיי, "קינדער, מיר דארפן רעדן איבער דער גרויסקייט פון השי"ת." און אן אלטער זולוס דארף צוזאמרופן אלע זיינע אנטבלויזטע קינדער און אייניקלעך און אויסרופן צו זיי, "דעקטס ענק צו פאר א מינוט, און לאמיר רעדן איבער דעם כבוד פון השי"ת אויף דער וועלט." זיי וועלן דארפן אפגעבן א דין וחשבון פאר'ן נישט טון אזוי.

כלל ישראל איז אבער ספעציעל אויסגעוועלט געווארן פאר דעם צוועק. ישעיהו הנביא זאגט דאס קלאר, **עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי** - דאס פאלק האב איך באשאפן פאר מיר, **תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ** - אז זיי זאל דערציילן מיין לויב (מג, כא). ס'איז א פלא'דיגע ווארט! ס'ברענגט ארויס אפן אז השי"ת האט אונז באשאפן פאר'ן ציל אים צו לויבן!

## אונזער תפקיד

געוויס וועלן רוב מענטשן, אפילו לומדי תורה, נישט וויסן אז מיר האבן אזא פליכט. דאס איז א גרויסער חידוש פאר פיל מענטשן. אבער ווען דו הייבסט אן צו לערנען פשוטו של מקרא איז דאס דער פשוט'ער אמת. "איך האב באשאפן א פאלק אז זיי זאלן רעדן מיין לויב." ס'איז נישט עפעס אבי אן אויסדרוק וואס דו קענסט אפשר אמאל הערן פון איינעם מיט א מליצה'דיגער שפראך. דאס איז פאקטיש דער יסוד פון אונזער תורה. מיר זענען דא אויף דער וועלט צו רעדן איבער דער גרויסקייט פון באשעפער.

דעריבער ליגט א פליכט אויף אונז אלע דא. ווען דו זיצט אין דיין הויז, ווען דו געפינסט זיך אין דיין ארבעטס פלאץ, ווען דו גייסט אין גאס, זאלסטו קיינמאל נישט פארגעסן פון דיין תפקיד. דערפאר זענען מיר ארגאניזירט געווארן אלס א **צָבָא** ווען מיר זענען ארויס פון מצרים. **נְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בָּעוֹלָם** - אונזער תפקיד איז צו פארהייליגן דיין נאמען אין דער וועלט, **כְּשֵׁם שֶׁמַּקְדִּישִׁים אוֹתוֹ בִּשְׁמֵי מָרוֹם** - פונקט ווי זיי פארהייליגן דיין נאמען אויבן אין הימל.

דערפאר האט ער באשאפן די וועלט. דערפאר האט ער אנגעפילט די וועלט מיט זיין כבוד, אז מיר זאלן שטענדיג זען זיינע ארמייען, און פונקט ווי די מלאכים, זאלן מיר אויסשרייען "**קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ ה' צְבָאוֹת מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ!**"

# חלק ג' - דער ארמיי דא אונטן

## מען האט אונז גענומען אין דער ארמיי

אויב דו האסט נאך קיינמאל נישט געהערט דערפון, קען זיין אז דו וועסט עס אפוועגדן. דו וועסט מיינען אז ס'איז נאר א קליינע זאך צו אנערקענען **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ**. אבער יעצט איז די צייט, איינמאל פאר אלעמאל צו פארשטיין אז ס'איז בכלל נישט קיין קלייניקייט. איוב האט אויסגערופן, "**הֲלֹא צָבָא לֶאֱנוֹשׁ עֲלֵי אָרֶץ**" - איז נישטא א מיליטער דינסט פאר מענטשן אויף דער וועלט? (ז, א). און דאס מיינט אז ס'איז אן ערנסטע מצב. דו ביסט גענומען געווארן צו דער ארמיי און דו האסט א פליכט אויף דער וועלט, וואס

פארלאנגט זיך דיין אויפמערקזאמקייט. דו קענסט נישט סתם זאגן אין שול "קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ" און זיך איינרעדן אז דו האסט ערפילט דיין חיוב. וועסטו זאגן, "השי"ת איז גרויס! אויסדריקליך, וואס איז דא בכלל צו רעדן?!..." און דא ענדיגט זיך דער שמועס. פון דא און ווייטער ווילסטו גיין אויף פענסיע און נעמען אפרו פון סיי וועלכער ארבעט.

ניין, דו האלסט נאך ביי גארנישט! זאגן דיבורים איז נאר דער אנהייב. מיר מוזן למעשה לערנען דעם פאך פון לויבן השי"ת כדי צו קענען דינען אין זיין ארמיי. און די ערשטע זאך דערפון איז צו האלטן א וואכזאם אויג צו אנערקענען דער גרויסקייט פון השי"ת אויף דער וועלט.

## די פראסטע ערד

רבינו סעדיה גאון ברענגט אין זיין ספר **אמונות ודעות** אז ווען דו קוקסט זיך אום וועסטו באמערקן אז אלעס אויף דער וועלט איז פאר'ן צוועק פון עסן. ס'איז א מערקווירדיגע מימרא. די וועלט איז א פלאץ פיל מיט ארמייען פון השי"ת, מיט'ן צוועק צו באשאפן עסן.

קודם כל, די גאנצע וועלט איז איבערגעדעקט מיט ערד. יעצט, ערד איז אן אומגעוויינליכע מאטעריאל. ס'איז גארנישט דא אין צוגלייך דערצו. מ'טרעפט נישט קיין ערד אויף דער לבנה, און נישט אויף מארס. דו קענסט רואיג זאגן אז ס'איז נישטא קיין ערד אונטער די אלע טריליאנען מלאכים ווייל ערד איז נישט קיין פערצופאל. ס'איז א וואונדערליכע מאטעריאל. אן קיין פארגלייך צו כמעט אלע כעמיקאלע קאמבינאציעס וואס האבן א כח צו פראדוצירן די אלע וויכטיגע געברויכן פון דער מענטשהייט. דאס אלעס איז פון אונטער דער ערד וואס איז אויסגעבעט איבער דער וועלט.

ווען דו לערנסט אפ די ערד, איך ווייס נישט צופיל דערפון, אבער אויב דו נעמסט איין לעפל פון ערד זאלסטו קוקן אויף דעם מיט דרך ארץ. ווייסט פארוואס? ווייל ס'לעבט! כ'האב געזאגט אז ס'איז א קאמפליצירטע כעמיקאלע קאמבינאציע, אבער דער אמת איז אז די ערד איז מער לעבעדיג ווי סיי וועלכע באשעפעניש. ס'איז פיל מיט לעבעדיגע בריאים. דו זעסט עס נישט, אבער אין איין לעפל ערד זענען פאראן אזויפיל לעבעדיגע בריאים ווי מענטשן אין ניו יארק. ס'איז פול מיט פונקציאנירנדע ארגעניזמען, באצילן, געוויקסן, און זיי זענען אלע פארנומען **עוֹשִׂים בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה רְצוֹן קוֹנָם**. זיי זענען פארנומען צו דינען השי"ת.

## דאס קליינע וואָרעמל

כ'וועל דיר זאגן נאכמער, צומאל ווען דו קוקסט אראפ אויף דער ערד אין א רעגן, קענסטו באמערקן ערד ווערעם ליגן אויסגעשפרייט אויף דער ערד. זיי ווערן דערטרונקען אין זייערע לעכער און יעצט ליגן זיי פון אויבן. קוק גוט אן דעם וואָרעם. קוק אויף איר מיט'ן גרעסטן כבוד ווייל דו זעסט יעצט די ארמיי פון השי"ת. די ערד ווערעם זענען אונזערע רעטער.

זיי שטופן זיך כסדר דורך דער ערד, שלינגענדיג און אויסשפייענדיג זאמד. זיי זענען אן ארמיי אויסצולופטערן און באפעסטיגן די ערד. אדאנק די ארמיי פון די ערד ווערעם ווערט די ערד נוצליך.

דערפאר, ווען דו זעסט אן ערד ווארעם אין א רעגנדיגען טאג ארויסקריכן, וועסטו טון א גוטע זאך אויב דו וועסט עס אויפהייבן און צוריק אריינטון אין דער ערד. אויפ'ן באטאן וועט עס ווערן אויסגעטרוקנט, און ווען די זון וועט אויפשיינען, וועט עס זיין א פארטיגער. אבער זיי זענען צו גוט פארדעם, צו וויכטיג פאר אונז. דעריבער, אויב דו קענסט, הייב עס אויף און לייג עס צוריק אין דער ערד ווייל דארט וועלן זיי ווייטער קענען לעבן. אויב עס וואלט מער נישט געווען קיין ערד ווערעם, וואלטן מיר נישט געהאט וואס צו עסן. ס'איז א פאקט. נישט נאר איך זאג אזוי.

## מער ארמייען

הלוואי איך זאל קענען רעדן צו ענק א גאנצע נאכט פון די ארמייען פונעם אויבערשטן. די בינען זענען א ריזיגע ארמיי. עס זענען פאראן בערך צוויי טריליאנען בינען אויף דער וועלט, און זיי זענען דער גורם פאר מער פון הונדערט טויזענט פארשידענע ערליי פלאנצונגען און פרוכט צו שפראצן. קומט אויס אז בינען זענען געמאכט געווארן פאר עסן. מורישקעס זענען פאר עסן! די וואלקענעס זענען פאר עסן! רעגן איז פאר עסן! קען ווייץ וואקסן אן רעגן? רעגן מיינט אז ווייץ קומט אראפ פון אויבן. קארטאפל און מעלאנעס קומען אראפ פון אויבן.

**עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת** - דער באשעפער מאכט זיינע ווינטן פאר שלוחים. ווינטן איז פאר עסן. מיר האבן שוין פיל מאל מסביר געווען אז **אי אפשר לעולם בלא רוחות** - דער וועלט וואלט נישט געקענט עקזיסטירן אן ווינטן. איך וועל נישט דא אויפנעמען די צייט דאס צו נאכאמאל מסביר זיין, אבער די ווינטן, די קארבאן דיאקסייד און זון שטראלן זענען אלע ארמייען פון השי"ת. און זיי אלע דערציילן איבער דער איין גרויסער זאך; זיי זאגן אלע **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ** - דו, השי"ת, עפענסט ברייט דיין האנט, **וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן** - צו שפייזן אלע לעבעדיגע באשעפענישן.

## דיין בילעט צו דער קומענדיגער וועלט

אבער וואס העלפט עס דיר אויב די ארמייען פון השי"ת ארבעטן שווער צו וויזן זיין גרויסקייט ווען אידישע קינדער האלטן זיך שטיל?! דעריבער דארפן מיר אנהייבן צו זינגען מיט זיי. עס איז א באקאנטע גמרא, **כל האומר תהלה לדוד בכל יום שלש פעמים מובטח לו שהוא בן העולם הבא** - ווער עס זאגט 'אשרי' דריי מאל א טאג איז פארזיכערט אז ער איז א בן עולם הבא, און דארט שטייט דעם פסוק, **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן**. אויב וועסטו נעמען די ווערטער און עס אויסרופן דריי מאל א טאג, האסטו שוין א בילעט צו עולם הבא.

דארפסט וויסן אז דאס איז א ווילדע מציאה! ס'איז אזוי גרינג און דו פארדינסט א געוואלד! אבער ווי אלע מציאות, ווייסט דאך, איז דא עפעס אונטער דעם. און ביי דעם פאל איז עס אז דו מוזסט צולייגן קאפ צו די ווערטער.

דערפאר טוען מיר פעולות זיך צו דערמאנען דערפון. אסאך כאפן אן זייער תפילין ווען זיי זאגן די ווערטער. די ספרדים, ווען זיי זאגן "**פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ**," מאכן זיי א תנועה מיט זייער האנט. זיי טוען עפעס ארויסצואווייזן אז דער פסוק איז זייער וויכטיג. אלע פסוקים זענען וויכטיג, אבער דער פסוק איז דער וויכטיגסטער ווייל עס געבעט דיר די רעכט צו גיין צום עולם הבא. עולם הבא פאר א פסוק? יא! ווייל דו ערפילסט דיין פליכט אויף דער וועלט פון אנערקענען די גרויסקייט פון השי"ת, דער **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ**.

## הייב אן צו חזר'ן

געוויס זענען אלע איבערגליקליך צו זיין א בן עולם הבא און די גמרא שלאגט אונז דא פאר א גלענצענדע געלעגנהייט. דאס זעט נישט אויס צו שווער. דעריבער זאלן מיר טון דאס בעסטע וואס מיר קענען צו מאכן נוצן דערפון. דאס מיינט אז ווען דו זאגסט "**פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ**," זאלסטו אוועקגעבן אביסל צייט פאר דעם. קלער אריין אין אלע ענינים וואס זענען שייך צו דעם פסוק. לאז אנדערע זיך יאגן צו ענדיגן און אהיימלויפן. ס'איז פיין. דו קענסט נאך אוועקגעבן א מינוט. ס'איז ווערד די אינוועסטירונג. ס'איז אן אינוועסטירונג פאר עולם הבא.

נאר אז דיין קאפ איז ליידיג איז נישטא צופיל צו אינוועסטירן אין די ווערטער. דו האסט גארנישט וואס צו טראכטן. דעריבער איז א גוטע עצה זיך צוצוגרייטן ווען דו דאווענסט נישט, צו חזר'ן ווען דו גייסט אין גאס. געוואוין

זיך איין צו זען **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** ווי אימער דו קערסט זיך.

דאס איז שוין א סאלדאט! דו טרעניר־סט זיך צו זיין איבערגעגעבן צו דיינע פליכטן אפילו ווען דו גייסט סתם צווישן די שטאטישע גאסן. נאך אלעמען, אפילו אין שטאט וואס דו זעסט נאר צעמענט, קענסטו פארט טרעפן איבעראל אביסל ערד, גראז, פייגלעך, וואלקענעס. שטעל דיך אפ פאר א מינוט צו באטראכטן וואס דו זעסט. דו זעסט די גרויסקייט פון השי"ת אויף דער וועלט.

## זינג דעם ניגון

דו גייסט פארביי א פרוכט געשעפט, און דו באטראכסט די וואונדערליכע קאלירן, רויט, גרין, גאלד. און דו טראכסט פון די עפל קערעלעך. עפל קערעלעך זענען א געוואלדיגע ארמיי פון השי"ת. איך וועל דיר געבן א גוטע עצה, ווען דו עסט א טאמאטע אדער עפל לאז איבער די קערלעך און לייג עס אריין אין דיין טאש. נעם עס מיט דיר ווי אימער דו גייסט. איך טו אויך אזוי. איך האלט עפל קערעלעך אין מיין טאש, און צומאל, ווען איך גיי אין גאס, נעם איך זיי אפיר און איך באטראכט זיי. איך באוואונדער זיי. מענטשן שרייבן מיר אז איך זאל זיי שיקן פון מיין קאלעקציע אויף פאסט. איך גיי צום פאסט אפיס און איך שיק זיי פון מיינע קערעלעך. עפל קערעלעך זענען ניסים! דאס איז עפעס פון וואס אריינצוקלערן ווען מען גייט פארביי א פרוכט געשעפט.

ווען דו קערסט זיך צוריק צום ביהמ"ד, וועט דיין דאווענען זיין גאר עפעס אנדערש, ווייל דו האסט דיך צוגעגרייט פון פאראויס. יעצט קענסטו נעמען די געדאנקען און איבערגיסן דיין התלהבות אין די ווערטער. אלע לומדות וואס דו האסט קונה געווען אין גאס לייגסטו אריין אין די ווערטער פון 'אשרי' און ס'ווערט פיל מיט אינספיראציע פאר דיך.

דו ביסט איבערגליקליך מיט השי"ת! **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ**, אייאייאייאייייי! דו צוזינגסט זיך אביסל. געוויסע מענטשן זינגען זיך אונטער ווען זיי זאגן די ווערטער, אזוי געדענקען זיי עס בעסער. רבי ישראל סאלאנטער פלעגט זאגן אז ווען מען לערנט מוסר, זאל מען זאגן, אייאייאייאייייי! די ישיבות, ווען זיי לערנען מוסר, זאגן זיי נישט סתם די ווערטער נאר זיי זאגן, "אייאייאייאייייי!" צו מאכן אויף זיך א רושם וואספארא געוואלדיגער לימוד דאס איז. "דו עפענסט דיין האנט" - מיינט דיין גאנצער כח! אייאייאייאייייי! **וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן** - אייאייאייאייייי! דו זינגסט נישט ווי די מלאכים אבער ס'איז פארט געוואלדיג. ס'איז א ניגון וואס פארדינט דיר עולם הבא.

## ווערן א מלאך

אויך ווען ס'קומט צו 'קדושה', דער וואס נעמט אריין די גאס ווערט זיין קדושה גאר עפעס אנדערש. דו ביסט ווי א מלאך. דיינע פיס שטייען צוזאמען. דו שטייסט אויף דיין שפיץ פינגער וואס דערמאנט דיר איבער דעם כבוד פון ה' צבאות. ווען דו זאגסט **קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ** מיינט דאס שוין עפעס פאר דיר!

דאס זעט אויס מוגזמ'דיג, אבער דער אמת איז אז אויב דו טוסט עס אפילו נאר פאר איין מינוט א טאג איז עס א געוואלדיגע דערגרייכונג. ס'איז ווערד אראפצוקומען אויף דער וועלט נאר פאר דער איין זאך! דעריבער זאגט דער אויבערשטער, "איז וואס?! טו עס נאר פאר איין מינוט און דו האסט דערגרייכט א געוואלד אין דיין לעבן!" אויב דו קענסט טראכטן נאר פאר איין מינוט דאס וואס מיר האבן געלערנט דא היינט נאכט, קענסטו שוין אנגערופן ווערן א גרויסער צדיק! דו ביסט העכער ווי סיי ווער! אויב דו טוסט עס צוויי מינוט א טאג, אשריך, דו ביסט א גליקליכער מענטש.

דו ביסט גליקליך ווייל דו האסט געלערנט דעם לימוד וואס דאס מיינט צו זיין אינעם **צָבָא** פון השי"ת. **נְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בָּעוֹלָם**, די סאלדאטן פונעם אויבערשטן זאגן, "מיר וועלן איבערגעבן אונזער לעבן צו אנערקענען דיין שלימות אויף דער וועלט און דיר לויבן לנצח נצחים, **כְּשֵׁם שֶׁמַּקְדִּישִׁים אוֹתוֹ בִּשְׁמֵי מָרוֹם**, פונקט ווי די מלאכים זאגן **קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ** שטענדיג, בלי נדר וועלן מיר פרובירן זיי נאכצוטון. און הקדוש ברוך הוא וועט אונז זאגן, "דו ערפילסט דיין ארמיי פליכטן וואס איך האב ענק באפוילן. **הֲלֹא צָבָא לֶאֱנוֹשׁ עֲלֵי אָרֶץ**, די מענטשהייט איז באשאפן געווארן צו זיין א **צָבָא** אויף דער וועלט. דאס איז פארוואס איך האב באשאפן די וועלט, אז דו זאלסט אנערקענען אין מיר, מיין כבוד, ווי אימער דו קערסט זיך. נישט נאר די פייגלעך לויבן מיר, נישט נאר די מלאכים לויבן מיר, נאר אויך די מלאכים של מטה. די אידישע קינדער ערפילן זייערע פליכטן אויף דער וועלט.

**כל העוסק בשירה בעולם הזה**, יעדער וואס ערפילט זיינע פליכטן צו זינגען צו השי"ת, איז זוכה צו **ואמרו** לעולם הבא. ער וועט באלוינט ווערן אז ער וועט קענען ממשיך זיין צו זינגען צו השי"ת אויף דער קומענדיגער וועלט. ער וועט לעבן אויף אייביג, ווייל ער איז דער וואס האט ערפילט זיינע פליכטן אין דער ארמיי פון השי"ת.

א גוט שבת!

## **שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**יעצט ווען מיר גרייטן זיך צו דריי טעג יום טוב, ווי אזוי מען קען אויסניצן די צייט צום מאקסימום, צו ווערן נאנט צום באשעפער אנשטאט, וואס מענטשן רופן עס אן, א געפיל פון א תפיסה, ווי מען איז איינגעשפארט פאר דריי גאנצע טעג, נישט דריי טעג יום טוב?**

### תשובה:

ווען דריי טעג יום טוב קומט, איז עס א גרויסע פריוויליגיע ווייל געווענדליך זענען מיר זייער פארנומען. מיר זענען צו פארנומען מיט אומוויכטיגע זאכן. און ווען יום טוב, א טאג פון רואיגקייט קומט אן, איז עס ענדליך א טאג וואס דו קענסט אביסל טראכטן.

דעריבער זאלסטו דאנקען השי"ת פאר א יעדן טאג, ווייל יעדן טאג איז א גרויסע מתנה צו האבן עפעס איבעריגע צייט! מיר דארפן די צייט!

אונזער צרה אין לעבן איז אז מיר זענען צו 'ביזי'! דער מסילת ישרים זאגט אז דער גרעסטער צוריקהאלט אנצוקומען צום שלימות אויף דער וועלט איז הטיפול והטרדה, זיין צו פארנומען. דו הערסט דאס? הטיפול והטרדה. פון אלע נסיונות וואס שטייען אונז אין וועג צו מאכן א לייט פון זיך, איז דער גרעסטער נסיון וואס מיר זענען אזוי פארנומען.

דעריבער וועלן מיר זאגן, "ברוך השם!" דריי טעג פון רואיגקייט איינס נאכן אנדערן! ס'איז ממש מתן תורה מן השמים, א מתנה פון באשעפער." דו וועסט האבן אביסל צייט צו טראכטן פון די השקפות וואס דו האסט געהערט דא היינט און נאך ענליכע געדאנקן. און צומאל קען זיך דיין גאנצע לעבן טוישן אלס רעזולטאט פון די דריי טעג.

כ'וועל דיר דערציילן עפעס, איינמאל האט א מענטש זיך אפגערעדט צום דאקטער אז ער האט גענומען די מעדעצינען וואס ער האט אים פארשריבן און ס'האט נישט געארבעט. האט דער דאקטער אים געענטפערט, "אויב אזוי נעם א גרעסערע דאזע. נעם מער פון די זעלבע מעדעצין."

איין טאג שבת איז זייער טייער. איין טאג יום טוב נאך שבת איז מער טייער אבער מיר דארפן א גרעסערע דאזע; מער און מער הייליגע מחשבות. דריי טעג! שבת און דערנאך יום טוב און דערנאך נאך א טאג יום טוב! ברוך השם, ער האט אונז געגעבן דריי טעג! דריי טעג צו טראכטן!